

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת יתרו
תשע"ח לפייק
גליון ד׳

## שאלה

### קען זיך א מענטש איבערצייגן קלאר מיט'ן אייגענעם שכל מציאות הבורא?

## ענטפער:

דאס איז א קשיא וואס איך גלייך צו באקומען. איך גיי עס יעצט איבערצייגן קלאר, ספעציעל פאר דיר, און איך גיי דיר נישט עקסטער ׳טשארדזשן׳ פאר דעם... יעצט, אסאך פון די מענטשן דא זענען וועטעראנען (זיי זענען שוין דא א לאנגע צייט, און האבן עס שוין געהערט פון מיר) אבער בלייבט מיט מיר פאר די תועלת פון די ניי-געקומענע צוהערער.

איין נאכט בין איך געשלאפן אין די קאנטרי. אינדרויסן פון מיין פענסטער איז געוואקסן א ווילדע טשערי בוים. פאר חדשים לאנג זענען די טשעריס געווען צוגענגליך בלויז פאר די פייגלעך. אויב האסטו נישט געקענט פליען, אדער האסט נישט געוואלט ארויפקריכן אויפ׳ן בוים, וואלסטו נישט געהאט קיין צוטריט דערצו. אבער יענע נאכט, דורכאויס די גאנצע נאכט, האב איך געהערט די ׳פיט-פאט׳ פון פאלענדע טשעריס. פיט-פאט, זיי פאלן אראפ אויף די גראז. פיט פאט, פיט פאט, א גאנצע נאכט זענען זיי געפאלן. און איך האב געטראכט, "פארוואס פלוצלונג הייבן זיי אן אראפצוקומען?" די טשערי האט זיך פעסט אנגעהאלטן אלע פרילינג-חדשים. וואס מאכט עס יעצט לויז אז ס׳זאל אראפפאלן?

אויב די שטודירסט נאר אביסל די שטודיע פון פלאנצונגען, ווייסטו אז א פרוכט פאלט נישט פלוצלונג אראפ אן קיין סיבה. ווייל פארוואס איז עס נישט פערצופאל אראפגעפאלן אנהייב סעזאן? עס דארף קודם ווערן רייף – עס דארף ווערן זיס. אין די זעלבע צייט דארף עס באקומען איר שיינע קאליר. און נאר דאן, הייבן זיך אן צו אנטוויקלען געוויסע צעלן אינעם שטענגל, דארטן וואו עס איז באהאפטן צום צווייג פונעם בוים, אזעלכע צעלן וואס מאכן אז די פרוכט זאל זיך אפרייסן פונעם בוים און אראפפאלן.

די קשיא איז, פארוואס ווען די פרוכט איז נאכנישט רייף פאלט עס נישט אראפ? דאס איז א קשיא וואס מיר דארפן קוקן אין פנים. און פרוביר דיך נישט ארויסצודרייען פון די קשיא, וויבאלד די קשיא האט אויסטערלישע קאנסעקווענצן. פארוואס לאזט די בוים די פרוכט גיין בלויז ווען ס׳ווערט רייף? מען רעדט נישט דא פון א האריקעין וואס קומט און בלאזט אראפ אומרייפע, גרינע פרוכט – אן אומאויסרעכנבארע האריקעין וועט אראפבלאזן אפילו די בוים. אבער פארוואס פאלן די פרוכט נאר ווען ס׳איז רייף? יעדעס מאל!

און דער ענטפער איז, אז אנדערש וואלטן מיר נישט געקענט אנקומען צו די פרוכט. די בוים ווייסט אז דו האסט נישט קיין פליגלען. די הויפט עסערס, די וויכטיגסטע עסערס, האבן נישט קיין פליגלען. און דאס איז די סיבה פארוואס די בוים לאזט אראפ די עסן ווען זיי ווערן רייף.

יעצט לייג צו קאפ. פארוואס בעפאר די פרוכט ווערט רייף, איז עס אייביג גרין? אלע אומרייפע פרוכט זענען גרין. עווענטועל וועט די פרוכט ווערן לעכטיג געהל, ביי א באנאנע אדער אראנדזש; אדער הערליך פוירפל ביי טרויבן, אדער לעכטיג רויט ביי עפל – סיי-וואס געשעהט – אבער בעפאר עס איז רייף איז עס אייביג גרין. פארוואס?

עס איז בלויז דא איין תירוץ. וויבאלד ווען עס איז גרין – איז ערשטנס כל פארוואס איז עס בכלל דוקא גרין און נישט אן אנדערע קאליר? פארוואס איז עס נישט לעכטיג-געהל ווען ס׳איז נאכנישט רייף? פארוואס איז עס נישט רויט ווען ס׳איז נישט רייף? איבעראל ארום די וועלט, סיי וואו דו גייסט, וועסטו נישט טרעפן קיין איינציגע פרוכט וואס ווען ס׳איז נאכנישט

רייף זאל עס זיין סיי-וועלכע קאליר אנשטאט גרין. איר ווייסט פארוואס? וויבאלד גרין איז די קאליר פון די בלעטער. די פרוכט באהאלטן זיך צווישן די בלעטער. ווען עס איז אומרייף זאגט די פרוכט, "קוק נישט אויף מיר – איך בין נאכנישט גענוג אלט יעצט."

און ווי אויך פאלט עס נישט אראפ. עס האלט זיך פעסט אן. עס איז נאכנישט גרייט צו עסן. אפילו אויב דו שאקלסט דעם בוים, וועט עס נישט אראפקומען. אפשר איין אומגעזונטע פרוכט וועט יא. אבער אלע געזונטע פרוכט האלטן זיך אן שטארק.

בלויז ווען די פרוכט ווערן רייף, דעמאלטס באקומט עס א ציענדע קאליר. דאן רופט די בוים אויס "קוק אויף מיר." און ווען דו קוקסט אויף א בוים, קוקסטו אויף א נס! ווער האט אויפגעהאנגען די הערליכע און זאפטיגע פרוכט אויפ'ן בוים? און זיי זענען איינגעפאקט און אזעלכע פרייליכע קאלירן!?

יעצט, אויב האסטו נאך קיינמאל נישט געזעהן אן עפל בוים – איך בין געווען א שטאטישער איינוואוינער, און דאס ערשטע מאל איך האב געזעהן א בוים פול מיט עפל איז עס מיר געווען אן אויסטערלישע סצענע. א בוים מיט עפל דערויף?! איך האב קיינמאל פריער נישט געזעהן קיין עפל, נאר אין א קארב. עפל הענגט אויף א בוים! און זיי זענען אלע העל קאלירט! און דו גיבסט א שאקל דעם בוים, און זיי הייבן זיך אן אראפצוקייקלען.

די פראגע איז יעצט, פארוואס עפעס האט פאסירט די גאנצע סעריע פון איינשטעלונגען? אז די עפל – און אזוי אויך אלע פרוכט – ווען זיי זענען אומרייף, זענען זיי אלע גרין. טראכט איר אז דאס איז געשעהן פערצופאל? טראכט איר אז דאס איז א מקרה אז גרין איז אויך די קאליר פון די בלעטער? איז דאס בלויז אן עקסידענט אז פרוכט קענען זיך באהאלטן צווישן די בלעטער? און פארוואס ווען א פרוכט איז רייף – און בלויז דעמאלטס – באקומט עס אן אויג-כאפענדע קאליר. דורך א צופאל ווערן עפל רויט? דורך אן עקסידענט ווערן באנאנעס זייער געהל? דורך א מקרה ווערן טרויבן בלוי, אדער סיי-וועלכע קאליר זיי זענען? פארוואס איז עס אזוי? און פארוואס בלויז ווען עס ווערט רייף, זענען זיי גרייט אראפצופאלן?

איר ווילט אביסל מער? פארוואס ווען איר ענדיגט עסן אן עפל, קומט איר אן צום אינעווייניגסטן חלק וואס איז שווער צו עסן, און איר ווערט אנטמוטיגט אויפצועסן דאס גאנצע? דארט געפונען זיך די קערלעך, און עס איז ארומגענומען מיט א סארט פלעסטיק כדי אפצוהיטן די קערעלעך. אויב דו פרובירט עס אראפצושלינגען, וועט עס בלייבן קלעבן אין דיין האלז; עס קלעבט צו די גומען. עס איז אומעסנבאר. דו קענסט נישט עסן די פלעסטיק.

ווען דו גייסט אויפ'ן גאס אסאך מאל אינדערפרי, און א נאכט פריער זענען דורכגעגאנגען גרופעס יונגען אויפ'ן גאס עסנדיג עפל, זעהטסו קערעלעך אויסגעשפרייט איבעראל? וואלט עס נישט געווען אן אויסגעפלאסטערטע גאס, נאר א פעלד פון ערד, וואלט עס צום סוף איינגעווארצלט געווארן אין דער ערד. וואס מאכט אז מענטשן זאלן אויסשפרייטן די קערעלעך און עס אויסשפייען פאר'ן די געוואוקסן פונעם קומענדיגן יאר?

שטעל דיך פאר אז דו עסט א באקס פון סיריעל און ווען דו ענדיגסט עסן דעם באקס, טרעפסטו א קיופאן וואס ערלויבט דיר צו קענען קויפן נאך אן אומזיסטע באקס. דאס איז פארוואס דו שפייסט אויס די קערעלעך – און דאס איז וואס דו טוסט, דו שפייסט אויס די קערעלעך – דו שפייסט אייביג אויס די זומען. אויב דו שפייסט עס נישט אויס, וועלן זיי זיך אליינס אויסשפייען. פרוביר צו עסן א שטיקל וואסער-מעלאנע, און די קערעלעך וועלן ארויספליען אין אלע ריכטונגען. זיי זענען ספעציעל געמאכט גליטשיג פאר דעם צוועק.

יעצט איז די קשיא: פארוואס איז בכלל דא קערלעך אין עפל? פארוואס איז דא קערלעך אין יעדע געוואוקס? און דו ווייסט וואס א קערל איז? דאס איז אויך א קשיא – א קליינע קשיא. א קערל האט אין זיך 100,000 דעטאלן, די גאנצע בלו-פרינט פון א נייעם עפל-בוים. עס איז די "קראומאזאומס" פון די קערל, וואס זאגט וויאזוי צו מאכן אן אנדערע עפל בוים; וויאזוי צו פראדוצירן בלעטער, און וויאזוי צו פראדוצירן זאפט, שאלעכטס, און בלומען – אלע סארטן בלומען – און וויאזוי צו פראדוצירן נאך עפל. מער עפל מיט מער קערלעך אינעווייניג. די גאנצע פלאנירונג איז אין די בלו-פרינט פון די קערלעך. איז די פראגע איז: וויאזוי איז דאס מעגליך?

דערפאר, אויב דו קוקסט אויף א רויטן עפל איז עס גענוג באווייז פאר דיר. ס'איז גענוג איבערצייגונג פאר יעדן איינעם. קיינער קען נישט אפווארפן די ראיות אז עס איז דא א באשעפער מיט אויסטערלישע חכמה, וואס ער איז פיל העכער ווי די מעגליכקייטן פון אלע וויסנשאפטלער אינאיינעם אים צו קענען אפילו אנהייבן צו פארשטיין.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com


סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכיות שמורות